STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05764

IN ELIASH'S KINIGRAYKH

A. Almi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין עליזאַש׳ס קיניגרייך

א. אלמי

אין עליאש'ס קיניגרייך

הומאָריסטישע ליבעס-לידער

תרפ"ד 1924

פערלאַג פנחס גראַובאַרד / וואַרשאַ

PRINTED in POLAND.

Copyright, 1924
by
A. ALMI.

געזעצט ביי י. מ. אַלטער, נאַלעווקי 17.
געדרוקט ביי מ. קופּערשטאָך
און מ. קראַמאַרזש, נאָװאָליפּקי 22.
געבונדען ביי ב. ראָזענבערג, מילנע 7.

— A. ALMI —
YN ELJASZ'S KYNYGRAJCH
HUMORYSTYCZNE
— PIOSENKI MIŁOSNE —
Czcionkami Drukarni I. M. ALTERA
— Warszawa, Nalewki 17. —
Drukowano u M. Kupersztocha
— i M. Kramarza, Nowolipki 22. —

גרוס דיר, עליאַש! —
צווייטער „א י ך" מיינער.
צי דו ביסט אַ רעזולטאַט
פֿון מיין צוריסענקייט
אָדער פֿון מיין דאָפּעלקייט —
זיי געגריסט!
דו אייביג פֿריילעכער,
שטיפֿערישער, זאָרגלאָזער עליאַש,
וואָס דו פֿערוויגסט
מיין אומעט
און מעלאַנכאָליע
מיט דיינע שטיפֿערייען.

א. אַלמי (א. ה. שעפּס)

ניו־יאָרק.

גאָט'ס וואונדער

ווערען ברוגז מיינע מיידלעך,
וואָס איך בין אַזוי פערשייט,
קרימען זיי די קליינע נעזלעך —
ווייס איך שוין וואָס דאָס בעדייט.

גיט דאָס הארץ און מיר א שמייכעל:
— האָב נישט, ברודער־לעב, קיין צער;
אַלע וועלען חבר ווערען,
אַז דו וועסט נישט זיין קיין נאַר...

נעהם איך טינט, פאפיר און פעדער
און איך שרייב אַן פופציג בריוו —
צו די פופציג שיינע מיידלעך,
וואָס איך ליב זיי אַזוי טיף.

יעדעס בריוול האָט איין נוסח:
„כ'בין, מיין קרוין, געפעהרליך קראַנק;
צייט דו ביסט געוואָרען ברוגז,
גיי איך פשוט אויס, איך צאַנק...״

אויף צומאָרגענס בלייב איך ליגען
אין מיין בעטל „נעבעך שוואַך״;
הייבען-אָן צו קומען מיידלעך,
זיך דערוויסען, וואָס איך מאַך.

איינע ברענגט פאַר מיר אַ ליליע
און אַ צווייטע ברענגט אַ רויז;
און מיט בלומען און מיט מיידלעך
ווערט באַלד פול דאָס גאַנצע הויז.

שמעקען בלומען, שמעקען מיידלעך,
פופציג הערצער קלאַפען שווער;
אוז דאָס הארץ מיינס, דאָס פערליבטע,
קלאַפט פון אַלע פופציג מעהר...

פופציג מיידלעך, הונדערט ליפען,
הונדערט אויגען, שווארץ און בלאָה;
בלאָנדע לאָקען, שווארצע לאָקען,
אויף שאַטינע זענען דאָ.

פופציג יונגע לייבער צאַפּלען
און איך בין מיט ליבע רייך;
פון מיין איינציג האַרץ די ליבע
קלעקט פאַר אַלע מיידלעך גלייך.

דאַנק איך גאָט פאַר יעדען מיידעל,
וואָס ער האָט מיר צוגעשטעלט;
פופציג מיידלעך — פופציג ברכות
פאַר דעם שעפּער פון דער וועלט.

הייב איך אויף דעם קאָפּ פון קישען,
כלומרשט מאַכטלאָז און מיט שרעק,
און איך מורמעל: „ליבע מיידלעך,
זעהט, איך שטאַרב שוין באַלד אוועק"!

פאַלען אַלע פופציג מיידלעך
אויף די קניען פאַר מיין בעט;
און איך קריג פון הונדערט הענדטלעך
איבער מיינע האָר אַ גלעט.

הונדערט אויגען גיסען טרעהרען
און עס טראָגט זיך אַ געוויין:
ליבער גאָט! זיין קוש פלעגט שטענדיג
זיך אין יעדען גליד צעגיין.

„לאָז איהם לעבען, גאָט די ליבער,
אזא הארציגער פּאָעט!" — — —
און דער בורא האָט רחמנות
און — איך טאַנץ אַרויס פון בעט.

דאַנקען זיי „זיין ליבען נאָמען",
וואָס מיין קראַנקהייט איז פערביי;
און מיין שטוב ווערט פול מיט לידער
און אַ פריילִיך יובלעריי...

די סעקרעטאַרין

מיט פערבענקטע אויגען
זיצט זי אָנגעבויגעי
ביי דער שרייב־מאַשין;
און די דינע פינגער
פליהען שנעלער, גרינגער
פלינק, אהער, אהין.

און דער הערר פערוואַלטער,
אַ בעיאָהרטער אַלטער,
קנייטשט דעם שטערען טיף;
האַלט אין איין דיקטירען
וויכטיגע פאַפּירען,
דאָקומענטען, בריוו.

נאָר די סעקרעטאַרין,
יונג און אונדערפאַהרען,
האָט זיך גאָר פערטראַכט:
וועגען איהר בעשערטען,
יענעם לאַנג-בעגעהרטען,
וואָס קומט היינט ביי נאַכט.

און די פינגער שוועבען
האַסטיג און בעלעבען
יעדעס אות מיט גליק;
„אדאָלף מיינער!" קלערט זי
און זיין שטימע הערט זי
און זי פיהלט זיין בליק.

ווערט, ווי דורך א וואונדער,
די מאַשין אצונדער
פלוצים א קלאַוויר;
און פון די „קלאַווישען"
ווי פון קוואַל א פרישען,
שטראָמט א ליד צו איהר.

און די פינגער איהרע
לויבען, זינגען שירה,
קוועלען, פליסען פרייד;
לאַסטשען און בעצירען
די געשעפטס־פּאַפּירען
מיט די שענסטע רייד.

נאָר דער הערר פּערוואַלטער
זיצט נאָך אַלץ אַ קאַלטער
און דיקטירט, דיקטירט:
צו דער פירמע „מענדל",
צו דער פירמע „הענדל",
צו דער פירמע „ווירט".

מעש און קופּער־וואַרען,
לייכטער, סאַמאָוואַרען
ליגען איהם אין זין;
ווייס קיין אַנדער קלאַנג נישט
הערט ער דאָס געזאַנג נישט
פון דער שרייב־מאַשין...

אונ ער טראַכט: ווי פלייסיג!
היפשע בריוו אַ דרייסיג
אין אַ קנאַפּער שעה!
און ער נעהמט זיי קלייבען,
גרייט צום אונטערשרייבען,
נאָר — וואָס זעהט ער דאָ?

„פירמע מענדל — לעזט ער —
לאָז מיך זיין דיין שוועסטער,
ס׳גליהט אין מיר דיין בליק;
מעש איז ווידער טייער.
ס׳ברענט אין מיר אַ פייער,
אדאָלף דו... מיין גליק!"

„פירמע הענדל... ליבער!
כ׳פלאַקער ווי אין פיבער,
ווי אַ סאַמאָוואַר;
שיק די פרייז־קוראַנטען,
ווייל די שפּעקולאַנטען,
זאָגען... זיי מיין האר!"

„פירמע ווירט, שיקאגא.
שיק מיר אהן א פראגע
ליפען, קושען, פרייד.
דרייסיג קאסטענס אויגען,
כ'וואלט צו דיר געפלויגען.
איך בין שטענדיג גרייט!"

■ ■ ■

און דער הערר פערוואלטער,
דער בעיאהרטער אלטער,
בלייבט פערגאפט און שטום;
פיהלט ביים הארץ אנ'ענגשאפט
און א ווייטע בענקשאפט
נעהמט איהם ווייך ארום...

אַ לופט־שיף

די וואונדער, די וואונדער
פון היינטיגער צייט! —
עס פליהט צו די הימלען
אַ מענטשעל פערטייט
און לאַכט פון דעם אָדלער זיך אויס.

עס טראָגט זיך די לופט־שיף
אַלץ העכער, אָהן סוף;
און מענטשעלעך קוקען
פון אונטען אַרויף
און סמאָטשקען די ליפּען: אָווא!

דער לופט־פליהער שפּילט זיך
מיט טויט, מיט געפאהר;
און טראַכט זיך: איך ווער באַלד
פון הימעל דער האַר,
אַ גאָט איבער הימעל און ערד.

עס שניידט זיך די לופט־שיף
אין בלאָהקייט אַ וועג;
די מענטשעלעך אונטען,
זיי טראַכטען מיט שרעק:
ער וועט נאָך אַרויף אויף דער זון!

נאָר פּלוצים, מיט איינמאָל,
וואָס איז דאָ געשעהן?
וואָס האָבען די מענער
אַזעלכעס דערזעהן?
זיי האָבען שוין איינמאָל דערזעהן!

אַן׳אָפענער פענסטער
אַנטקעגען אין הויז;
און ס׳שטייט זיך אַ מיידעל
אין דרויסען אַרויס
און וואַשט דאָרט די שויבען און ווישט.

עס פלאטערט איהר קליידעל
אין ווינד אזוי פריי;
פאר מענערשע אויגען
צו קוקען כדאי —
נו, קוקען זיי טאקע ארויף.

עס פליהט דארט א לופט-שיף
און דא פליהט א קלייד;
נאר ס'שוועבען די אויגען
מיט גליהענדער פרייד
צום פענסטער פון פערטען עטאזש.

עס טראגט זיך די לופט-שיף
אין בלאהקייט, צו גאט;
נאר ס'לאקט אלע הערצער
דער ערדישער סוד,
וואס פלאטערט פון ווייבערשען קלייד.

דער לופט-פליהער אויבען
ווייזט מוט און קוראזש;
און ס'קוקען די אויגען —
צום פערטען עטאזש
און ס'מאטשקען די ליפען: אווא!

עס צאַפּלען זיך הערצער:
ווי ס'פּלאַטערט! ווי ס'פּליהט!
און ס'זוענען די אויגען
ווי זשאַרעס צוגליהט
און זעהען נישט העכער פון קלייד.

אנטאָנעטאַ

נאַכט און אומעט אין די גאַסען,
שלאָף און חלום אין די שטיבער;
נאָר ביי מיר אין קליינעם שטיבעל
רוישט דאָס לעבען פול מיט פיבער.

לעבען מיר זיצט אַנטאָנעטאַ,
אַ צופלאַמטע, אַ צוגליהטע — — —
דרייסטער, קרעפטיגער און הייסער
ווי צעהן מיידלעך פון דער ליטע.

און איך שווער איהר, אַז מיין ליבע
קאָן איך איהר אַליין בלויז געבען:
כאָטש איך בין אַ יִד אַ טרייער,
דאָך קאָן איך אָהן איהר נישט לעבען

כ'וועל פערשטויסען זיין פון טאַטען
און פערשאָלטען זיין פון ‏ידען,
וואָס איך ליב אויף איטאַליעניש, —
נאָר איך בין מיט אַלץ צופרידען.

הייבט זי אויף די שווארצע אויגען,
קוקט אויף מיר מיט בלאַנקע שפּיזען:
„אָ, סיניאָר, געדענק דיין שבועה,
כ'האָב צוויי ברידער ווי די ריזען.

נעהם דיר גוט אריין אין זינען,
אַז דו האָסט נישט איצט געטראָפען
עפּעס דאָרט אַ ‏ידיש מיידעל,
וועלכע לאָזט זיך לייכט פערבלאָפען.

„מיין נישט, אַז איך בין אַ ביילקע,
צי אַ כאַשע, צי אַ זלאַטע;
פון דעם היציגען איטאַליע,
פון סיציליען איז מיין טאַטע!

„פון סיציליען, האָסט אודאי
געגען יענעם לאַנד געלעזען;
פון דער „שווארצער האַנד" דער פיהרער
איז מיין טאַטע דאָרט געוועזען.

„ס'האָט מיין טאַטע אַ סטילעטאָ,
איז עס בלאַנקענדיג און שפּיציג;
אָפּגעהיטען זאָל מען ווערען,
ווען עס ווערט מיין טאַטע היציג.

„הערצער דריי פון דריי חתנים
האָט ער שוין אַדורכגעשטאָכען,
ווייל זיי האָבען זייער שבועה,
זייער וואָרט צו מיר געבראָכען".

כ'הער מיט שוידער איהרע ווערטער
און עס פריהרען מיר די בלוטען;
דריק איך פעסטער זי צום הארצען
און איך צייל שוין די מינוטען...

כ'וויס, מיין הארץ בייט אָפּט די ליבע,
ווי עס בייט דאָס פעלד די פאַרבען;
קוש איך הייסער אַנטאָנעטאַ'ן —
און איך מאַך זיך גרייט צו שטאַרבען.

און איך טראַכט פון יענע ליבעס,
פון די מיידלעך, די נאַאיווע:
ביילע, זעלדע, צירעל, נעכע,
דוואָשע, מירעל, קיילע, ריווע.

ווען עס וואָלטען אַלע מיידלעך
סיציליאַנער טאַטעס האָבען — — —
וואָלט מען מיך אין יעדען חודש
הונדערט מאָל געדאַרפט בעגראָבען...

געטלּיכקייט

אָוונד. ווייסע שטראַהלען,
רייצענדיגער דופט;
שטילע פליסטערייען
און אַ יונג געלעכטער,
אָנגעזאַפּט מיט פריהלינג
וויגט די בלאָהע לופט.

אין די פאַרקען, גערטנער
גייט די ליבע אום;
בינדט צוזאַמען הערצער
מיט לבנה-שטראַהלען,
און די פרומע אומשולד
ליגט בעהאַלטען, שטום.

נאָר אין הימעל, אויבען
איז קיין גליק נישטאָ;
אונפערענדערט ציהען
זיך די אייביגקייטען:
און אַ טויזענט יאָהרען
שלעפט זיך יעדע שעה.

בלאָנזשעט אום דער שעפער
עלענד, ווי אַ שטיין;
אין אַ פלאַץ אַ נייעם,
ערגעץ וואו פערברענגען
און זיך אַמוזירען
וואָלט ער גערן גיין.

אָבער וואו? צו וועמען?
אַלץ איז איהם בעקאַנט;
האָט ביליאָנען מאָל שוין
אַלע זיבען הימלען,
אַלע הימעל-וועגען
איינזאַם דורכגעשפּאַנט.

זיפצט דער שעפער: גליקליך
זענען ז״י, אויף דר׳ערד:
מענטשען גייען, קומען,
ס׳בייטען זיך אידעען,
ס׳בייטען זיך די לידער
ס׳ווערט געבויט, צושטערט.

„נאָר איך איינער ווייס נישט
פון קיין נייעם קלאַנג;
שטענדיג זעה די אַלטע,
אייביגע מלאכים
און פערנעהם אָהן אויפהער
זייער לויב־געזאַנג".

שטעלט זיך גאָט ביים פענסטער
קוקט אַראָפּ פערקלערט
צו דער וועלט דער שיינער
צו די שטערבליכקייטען,
וועלכע שאַפען־איבער
טויזענד מאָל זיין ערד.

זעהט ער: יונגע פּאָרלעך
אין לבנה־שיין;
פליסטעריי און קושען
ציטערדיגע סודות
שוועבען פון דער נידער
איהם אין הארץ אריין.

ווערט ער נאָך בעטריבטער,
ס'שטיקט איהם אַ געוויין:
יעדער מענטש געפינט זיך
אַ געליבטען חבר —
איך נאָר, זייער שעפער
אייביג בין אליין!"...

לשון קודש

בין איך מיר אַ לעהרערל,
קנעל איך לשון־קודש;
קומט צו מיר אַ חנה'לע
לערנען אויפן חודש.

ווי די זון נעהמט אונטערגיין,
קומט זי שוין צעלויפען;
טייטש איך לשון־קודש איהר
אויפן נייעם אופן.

„ראש" פערטייטש איך חנה'לען
גלעטענדיג איהר קעפל;
פרעגט זי וואָס „תּפּוח" איז,
גיב איך איהר אַנ'עפּעל.

הייב איך אָן מיט חנה'לען
שיר־השירים זאָגען,
הייבען אונז די הערצער אָן
האַסטיגער צו שלאָגען.

יעדעס וואָרט דערקלער איך איהר
וויל נישט איבערהיפּען;
קומט צו „יִשָׁקֵנִי" צו,
קוש איך איהרע ליפּען.

קומט צו „תְּחַבְּקֵנִי" צו,
מאַך איך נישט קיין שְׁהִיוֹת;
כ'נעהם אַרום דאָס מיידעלע,
האַלז איך עס און ציה עס.

רעדט זי „לְכָה דוֹדִי" אויס,
— קום מיט מיר מיין שענסטער!
פיהר איך זי אין גערטעלע,
הינטער מיינע פענסטער.

בליהען דאָרטען בלימעלעך,
רייצען דאָרטען טרויבען;
און אין לופטען פלאַטערן
פוכיג־ווייסע טויבען.

פרעג איך: „הארציג מיידעלע,
וואלסטו אויך געפלויגען?
ווי די זיסע טייבעלעך
זענען דיינע אויגען.

זיצען מיר איז גערטעלע
לאנגע, ליבע שטונדען;
ווערען שיר־השירים׳דיג
הערצער צוויי פערבונדען.

איך בין א בן מלכ׳ל,
זי איז די פרינצעסין;
רייסען מיר די טרויבען אפ,
האבען מיר צו עסען.

נעהמען קרייען הענדעלער
מורמעלט זי מיר „שלום״;
גייט אוועק דאס מיידעלע,
בלייב איך ווי אין ח׳ם.

לויפען שנעל די נעכטעלעך,
ווערט א גאנצער חודש:
און דאס שיינע חנה׳לע
קאן שוין לשון־קודש...

דער פאַבעל-דיכטער

ער איז אַ מחבל
אויף שרייבען אַ פאַבעל,
עס איז איהם די אַרבייט נישט שווער;
איין פאָהר מיט דער פען נאָר
און פאַרטיג — און זעה נאָר:
עס טאַנצט שוין אַ פליג מיט אַ בער...

און וואו נאָר אַ חיה,
אַן אַלטע, אַ נייע
און וואו עפּעס פייגעל און שלענג —
ער האָט שוין בעשריבען
און נחת געקליבען
פון זייערע חכמות און גענג...

די גרעסטע בהמה,
זאָגט מוסר — אַנ׳אימה!
דעם זינדיגען מענטש — מיט פערשטאַנד!
אַ פשוט׳ע קאָזע
דערלאַנגט אייך אַ פראָזע
אזוי ווי שפינאָזאַ און קאַנט...

אַנ׳אייזעל קנעלט עטיק,
אַ חזיר — עסטעטיק,
באַשיידענהייט פרעדיגט אַ פלוי;
עס רופט אונז די זשאַבע:
„זוך, מענטש, עולם־הבא,
ווי בירנבוים, ציימלין, טאָלסטאָי״..

און לעזט איהר זיין פאַבעל,
איהר טראַכט, אַז קאַפּאַבל
איז אונזער פאָעט מן־הסתם:
צו שלאָפען אין נורעס
מיט לייבען, מיט שצורעס,
צו שווימען מיט וואַלפיש אין ים...

איז טאַקע טשיקאַווע,
אַז נישט צו די בראַווע
געהערט גראָד דער פּאַבּעל־פּאָעט;
ביינאַכט קאָן אַ ווינדטעל,
צי ס'בילען פון אַ הינדטעל
איהם טרייסלען פון פּחד אין בעט...

און קומט נאָך אַמאָל איהם
אַ העלפאַנט צו חלום,
אַ שלאַנג, צי אַ סטאַיע פון וועלף —
איז נישט צו דערטראָגען
זיין שרייען, זיין קלאָגען,
זיין מורא'דיג בעטען זיך: „העלף!"

און ווי אויף להכעיס
טראָגט אָן דער משולחת
אַ מיידעל צום פּאַבּעל־פּאָעט,
וואָס אויסער פּאָעטען,
זי ליבט אויך צו גלעטען
איהר הונד, מיטן צונאָמען „פּעט"...

אַ כּלב אַ רעכטער,
אַ בּולדאָג אַנ'עכטער,
איין קוק אויף איהם — פאַלט אָן אַ שרעק;
און תּמיד ער שמעקט נאָר,
פערדעכטיגט און לעקט נאָר
און דרייט מיט אַ וואָרנונג דעם עק...

זי בּרענגט צום פּאָעט איהם
און בּעט בּיי איהם: גלעט איהם!
איהר דיכטעט פון חיות דאָך בּלויז...
ר'האָט בּעכטען צוּבּיסען,
אויף שטיקער צוריסען
אַ גנב — אַ ריז — אין מיין הויז...

דאָ קושט זי מיט דאַנק איהם
און זינגט אַ געזאַנג איהם:
„מיין ליבּער, מיין טייערער פּעט!";
און ס'פריהרען די בּלוּטען
און ס'ציילט די מינוטען
און ס'שוידערט דער פּאַבּעל-פּאָעט...

ער בעט זי מיט טרעהרען:
וואס דארפסטו גאר קלערען
פון בולדאג, פון פעט'ן, דעם הונד —
אז איך בין פאראנטי
און פלאם־אקעאנען
פערברענען אונזביידען אצונד...

עס ציהט איהם: זי גלעטען —
נאר ווער וועט איהם רעטען
פון פעט'ן, דעם כלב, וואס היט
זיין יעדע בעוועגונג,
זיין איטליכע רעגונג,
ווי איינער זאגט: „מאך נאר א שריט!..."

און ס'זעהט אונזער דיכטער
פאר זיך צוויי געזיכטער
פון מיידעל און פעט'ן דעם הונד;
פונקט ווי אין א פאבעל
דער הונד איז קאפאבל
צו לערנען מאראל איהם אצונד...

דאָך כשופ'ט און לאָקט איהם
דאָס מיידעל — און ס'נאָגט איהם
אין האַרצען אין גאַנצען געביין;
די ליבע, אָ, בורא!
איז שטאַרקער פון מורא —
ער פאַלט־צו צו איהר מיט אַ געוויין...

— — — — — — — —

— — — — — — — —

איצט ליגט דער פּאָעט זיך
אַ גוסס אין בעט זיך,
צוביסען, צוריסען אין שטיק;
מאַכט ווילדע האַוואַיעס,
ווי טויזענדטער חיות
געזעהן וואָלט זיין שטאַרבענדער בליק...

זעלבסמאַרד

— וועסטו, לאה, מיך פֿערשטויסען,
וועט עס מיך צום שלעכטען ברענגען:
איך וועל זיך אַ שטריקעל קויפען
און זיך אויפֿן שטריקעל הענגען.

— ווילסטו, אסתר, פֿון מיין בענקשאַפֿט
און מיין ליבע מעהר נישט וויסען:
וועל איך נישט קיין שְהִיוֹת מאַכען
און זיך אויפֿן אָרט דערשיסען.

— וועסטו, מירל, מיך נישט ליבען,
וועט מיין צאָרן זיך צופלאַמען:
איך וועל שטאַרקען גיפֿט זיך קויפֿען
און זיך באַלד אויף טויט פֿערסמ׳ען.

— ווילסטו, האָדל, מיך נישט קושען
און אין מיינע אָרעמס זינקען:
לויף איך באַלד אַוועק צום וואַסער
און איך וועל זיך דאָרט דערטרינקען.

— לאָזטו מיך אַליין, מיין זלאַטע,
און דו ווילסט מיך מעהר נישט קענען:
לייג איך אָן אַ העליש פייער
און איך וועל זיך דאָרט פערברענען.

אזוי סטראַשען איך די מיידלעך,
יעדע איינציגע בעזונדער;
ביימען זיך די מיידעל־הערצער
מאָמענטאַל, ווי דורך אַ וואונדער.

עס צוגיסט זיך אַ רחמנות
אויף די מיידעלשע געזיכטער:
ניין, זיי וועלען נישט דערלאָזען
שטאַרבען אַ פערליבטען דיכטער.

לאָזען זיי פון מיר זיך ליבען
און זיי ברענען אויך ווי פייער;
אז אַ יונג איז גרייט צו שטאַרבען
פאַר דער ליבע — ווערט ער טייער.

און איך שמייכעל־צו אין הארצען:
„ס'האָט זיך וואויל מיר איינגעגעבען!"
און איך טראַכט קיין אויגענבליק נישט
וועגען ענדיגען דאָס לעבען.

איבערלאָזען דאָ די מיידלעך
און אַוועקגיין צו די טויטע —
איזאַ בּיטעניש צו מאַכען,
דאַרף מען זיין אַ גרויסער שוטה...

פ אָ נ ד ע ן

אַלע זונטיק קומען זיי
אין מיין הויז צוגיין;
מיידלעך, ליבע, האַרציגע,
פול מיט טויזענד חן.

מיידלעך קליין און מיידלעך גרויס,
מיידלעך שוואַרץ און בלאָנד;
יעדע האָט אַ פּושקעלע
פאַר אַנ׳אַנדער פאָנד.

איינע קומט בעגינען באַלד,
שטרעקט מיר אויס אַ האַנד:
„גיט צושטייער, ליבער מענטש,
פאַר אַנ׳אייגען לאַנד!“

פאַר אַנ'אייגען לאַנד? געוויס!
ס'קאָן אָהן דעם נישט זיין;
כ'צייל דאָס געלד און קוק זיך טיף
אין איהר שיינקייט איין.

קומט אַ צווייטע באַלד צוגיין,
שטעלט זיך ביי דער טיר;
פאַר אַנ'אַנאַרכיסטיש בלאַט
בעט זי געלד ביי מיר.

אַנאַרכיזם — זאָג איך איהר —
דאָס איז מיין באַגעהר;
און פון פרייער ליבע, קינד,
האַלט איך שטענדיג מעהר...

קומט נאָר איהר אַ דריטע באַלד,
קוקט אויף מיר פערטראַכט:
„העלפט די זעלנער אונזערע
אין דער גרויסער שלאַכט!"

שלאַכט, מלחמה! — רוף איך אויס, —
ס'איז דאָך אַנ'אַנטיק!
און איך פיהל: איך ווער בעזיגט
פון איהר הייסען בליק.

קומט אַ פּערטע באַלד אַריין,
בעט פּאַר שלום געלד:
„העלפט אונז ברענגען, גוטער מענטש,
פרידען אויף דער וועלט!"

פרידען, — זאָג איך, — דאָס איז שיין,
כ'בין אַ פּאַציפיסט!
נאַדיר פּאַר דיין מוט אַ קוש,
העלדין, וואָס דו ביסט!

קיינע פון די מיידלעך גייט
ליידיג ניט אַרויס;
דאַנקען זיי און לאָזען מיר
ברכות פיל אין הויז.

קלאַפּט אַ גאַנצען טאָג די טיר,
רוהט נישט קיין מינוט ·
און די שיינע זאַמלערינס
צינדען־אָן מיין בלוט.

אַז עס קומט דער אָוענד אָן,
טרעף איך זיי אין גאַס;
גייען מיר אין פּאַרק אַריין
און מיר טרייבען שפּאַס.

דאָרטען זאַמלען זיי אויף ס'נײַ,
נישט קיין געלד, נאָר רייד;
און איך וואַרף די שענסטע רייד,
גאַנצע הויפענס פרייד.

זייער לאַכען העלער קלינגט,
ווי דאָס זילבער-געלד;
און אַ גרויסע פושקע איז
דאָ די גאַנצע וועלט...

דעם ריטער׳ס כּלה
(באַלאַדע)

1

דער מאָלער אַלעקסאַנדער
גייט־אום אין שטוב פערטראַכט:
זיין בילד: „דעם ריטער׳ס כּלה"
האָט טרויעריג איהם געמאַכט.

פערזונקען אין געדאַנקען
שטעלט ער זיך אָפּ ביים בילד:
אַ יונגע פרוי אין ווייסען,
פערפיהרעריש און מילד...

זי זיצט פאַרנאַכט אין גאָרטען,
קוקט אין דער וועלט פערקלערט;
און ס׳קניט אַ יונגער ריטער
ביי איהרע פיס, אויף דר׳ערד.

ווי שיין זי איז, ווי רייצענד
אין שנייאיג־ווייסען קלייד!
דעם מאָלער׳ס ליפּען צוקען,
דעם מאָלער׳ס האַרץ פערגייט.

עס האָט דעם ריטער׳ס כּלה
אַ פלאַם אין איהם צובּרענט;
פערליבּט האָט זיך דער מייסטער
אין ווערק פון זיינע הענד.

2

בּיינאַכט, ווען אַלעקסאַנדער
אַנטשלאָפען ווערט אין בּעט,
דאַן זעהט ער ווי די יונגפרוי
פערלאָזט שטיל דעם פּאָרטרעט.

זי שפּאַנט אַרום אין צימער,
אין שנייאיג־ווייסען קלייד;
די שיינע האָר צעלאָזען,
די אָרעמס אויסגעשפּרייט

זי קומט־צו צו זיין בּעטל
און זעצט זיך לעבּען איהם:
„מיין ליבּער אַלעקסאַנדער!"
קלינגט אַזוי ווייך איהר שטים.

זי גלעט איהם און זי קושט איהם
און בעט איהם מיט געוויין:
„בעפריי מיך פון דעם ריטער,
כ'וויל זיין מיט דיר אליין!"

נאָר דאָ לויפט־אָן דער ריטער,
און וואַרפט זיך ווילד אויף זיי;
עס כאַפּט זיך אויף דער מאָלער
פון שלאָף מיט אַ געשריי...

3

דער מאָלער אַלעקסאַנדער
גייט־אום בעטריבט און קראַנק;
די שיינע פרוי אין ווייסען
פערלאָזט נישט זיין געדאַנק.

ער ווערט פון ווילדער ליבע
און אייפערזוכט פערצערט —
די אייפערזוכט צום ריטער,
וואָס קניט פאַר איר, אויף דר'ערד.

ער קוקט מיט האַס צום ריטער,
וואָס קושט דאָס ווייסע קלייד;
ער זוכט אויף איהם נקמה
און שעלט איהם שטילערהייד.

עס כאַפּט נערוועז דער מאָלער
דעם פּענזעל און די פאַרב;
ער שפּרינגט מיט כעס צום בילד צו
און שרייט צום ריטער: „שטאַרב!"

איין ווײַלע — און פון ריטער
אַ שוואַרצער פלעק איז בלויז;
אויס ריטער! און דעם מאָלער׳ס
געלעכטער קלינגט אין הויז...

4.

דער מאָלער אַלעקסאַנדער
פאַרנייגט זיך פאַרן בילד:
„איך האָב בעזיגט דעם ריטער,
דיין ווילען איז דערפילט!"

דאַן בלייבט ער מיט נצחון
פאַר זיין געליבטער שטיין
און אויפן אָרט פון ריטער
מאָלט ער זיך אויס אליין...

דער פּענזעל פאָלגט דעם מייסטער
און ביי דער יונגפרוי׳ס פיס
קניט דער פערליבטער מאָלער—
ווי שיין און שטאָלץ ער איז!

• • •

געשטאָרבען איז דער מאָלער
פון וואַהנזין אויסגעצערט;
דאָך לעבט ער אויפן לייוועגט
ביי איהרע פיס, אויף דר'ערד.

פון די פערליבטע אויגען
שטראַהלט אייביג גליק אַרויס;
די ליבע אויפן לייוועגט
לעשט קיינמאָל זיך נישט אויס.

אָט אַזױ־אָ...

יאָ, צנועה'דיג־שטילע
און גלױביגע פרומעט — —
די װעלט איז צעלאָזען,
אַז ס'נעהמט אָן אַנ'אומעט.

פערשײט איז די יוגענד —
אָהן חרפּה פאַר לײטען;
אָ, שרעקליכע מענטשען,
אָ, שרעקליכע צײטען!

עס זינדיגען נישט נאָר
די פרײע הולטײעס —
נאָר אױכ'עט די פרומע,
מיט פרומע האװאַיעס...

אָט נעכטען אין אָוועגד —
ס'איז ווערט דאָס צו הערען! —
שפּאַציר איך אין גאָרטען
און קוק אויף די שטערען.

און פּלוצים... (ס'איז שרעקליך
דערציילען אפילו!)
דערהער איך די שטימע
פון יאָסעל דעם עלוי.

ער רעדט צו אַ מיידעל
פון ליבע, פון פייער,
און שווערט ביי דער תורה,
אז זי איז איהם טייער...

איך קוק... ווי ער גלעט איהר
אַזוי־אָ די לאָקען
אזוי־אָ... אַזוי־אָ...
נו, זיי נישט צושראָקען...

דערנאָך האָט ער צערטליך
צו איהר זיך געצויגען,
געקושט איהר — אַזוי־אָ! —
מיט ליבשאַפט די אויגען.

אַזוי־אָ... ענטשולדיג!
איך מוז דאָך דיר ווייזען...
דאָס דולדען — בעדאַרף מען —
זיין שטאַרקער פון אייזען.

און איז נאָך דאָס ווייניג
דעם אויסוואורף, דעם פרומען —
האָט ער אויפן שויס זי
אַזוי־אָ, גענומען..

אַזוי־אָ, אַזוי־אָ..
דו מעגסט עס מיר גלויבען;
דאַן האָבען זיי ביידע
געקושט זיך, ווי טויבען.

דערנאָך... כ'האָב דערפיהלט אַזש
אַ שוידער אַ קאַלטען —
האָט ער — אָט אַזוי־אָ! —
אַ האַנד גאָר בעהאַלטען

בעהאַלטען — אַזוי־אָ —
אין בוזעם אין איהרען;
אַזוי־אָ... ענטשולדיג!
איך מוז אילוסטרירען.

אזוי־אָ — איך שווער דיר! —
בעהאַלטען, אָהן בושה,
גלייך ער וואָלט געזוכט דאָרט
זיין באָבעס ירושה.

אויסגעוואַרט...

דו וואַרטסט אויף אַ בחור,
איך וואַרט אויף אַ מיידעל;
עס קומט נישט דיין בחור,
עס קומט נישט מיין מיידעל.

דו וואַרטסט שוין דאָ שעה'ען.
איך וואַרט שוין דאָ שעה'ען.
דו טראַכטסט: וועט ער קומען?
איך טראַכט וועט זי קומען?

דו ביסט שוין בעליידיגט
און שעלטסט איהם אין האַרצען;
איך בין שוין בעליידיגט
און שעלט זי אין האַרצען.

דו קלערסט, אַז מסתּמא
איז ער מיט אַ צווייטער;
איך קלער, אַז מסתּמא
איז זי מיט אַ צווייטען.

דו זעהסט איהם אין אָרעם
פון עפּעס אַ מיידעל;
איך זעה זי אין אָרעם
פון עפּעס אַ בחור.

און אפשר פאַלט איין דיר,
אַז ער איז מיט מיינער?
מיר פאַלט טאַקע איין שוין,
אַז זי איז מיט דיינעם...

דיין בחור טראַכט אפשר,
אַז דו ביסט מיט „איהרען";
מיין מיידעל טראַכט אפשר,
אַז איך בין מיט „זיינער"...

איך קלער שוין, אַז ס'איז גאָר
דער בייט נישט קיין שלעכטער;
צי קלערסטו שוין אויך — ס'איז
דער בייט נישט קיין שלעכטער?

פאַרוואָס זאָל דיין בחור'ס,
פערדאַכט נישט זיין אמת?
פאַרוואָס זאָל מיין מיידעל'ס
פערדאַכט נישט זיין אמת?

דו ווילסט שוין אַ היים גיין.
איך וויל שוין אַ היים גיין;
ביי דיר איז אַ מאַמע?
ביי מיר איז — נישט קיינער...

אסתר

ידיש־נאַציאָנאַל איז אסתר,
לויבט זי אונזער פאָלק און קוועלט;
און זי האַלט זיך פאַר אַ שוועסטער
צו גאָר די ידען פון דער וועלט.

האָב איך ליב די שיינע שוועסטער,
אַזש מיין האַרץ פערברענט איז באַלד;
נאָר פערליבט אין פאָלק איז אסתר
און צו מיר איז אסתר קאַלט...

אַלע איהרע שענסטע ווערטער
זינגט זי פאַרן פאָלק אַרויס —
פאַרן פאָלק אין אַלע ערטער,
פאַרן פאָלק פון קליין ביז גרויס.

רייצט מיך איהר פערליבטע מינע
און איהר צאַפּעלדיגע שטים —
פיהל איך צו דעם פאָלק אַ שנאה
און אַנ'אייפערזוכט צו איהם...

ווילט זיך זאָגען: „שיינע אסתר,
כ'האָב דיך ליב, דו מיידעל שיין;
איידער זיין צום פאָלק אַ שוועסטער,
זיי אַ שוועסטער מיר אַליין.

„קענסט נישט געבען רוה און פרידען
ס'גאַנצע פאָלק ביי דיינע פיס;
און אַ צוועלף מיליאָנען יודען
קושען איז דאָך שווער געוויס"...

אָבער אסתר איז פערנומען,
ליבט דאָס פאָלק אַלץ טאָג און נאַכט;
און מיין טיפען צער דעם שטומען
שענקט זי נישט דעם מינדסטען אַכט...

פלוצלינג גיט אַ בליץ אין מח
מיר אַ גליקליכער געדאַנק
און איך נעהם זיך אָן מיט כח
און איך זאָג איהר פריי און פראַנק:

„אסתר, אסתר, גוטע אסתר,
כ'וויל פערטרויען דיר אַ סוד;
כאָטש דו ביסט אַ גוטע שוועסטער
צו דעם פאָלק און אונזער גאָט.

„מיר געפעלען נישט די טעכטער
פון מיין אייגען פאָלק, מיין קינד;
כאָטש איך בין אַ ייד אַנ'עכטער —
כ'בין נישט שאָוויניסטיש־בלינד!

„שיקסעס זענען גאָר מיר טייער,
שיקסעס, שיקסעס גיב אַהער!
שיקסעס זענען פלאַם און פייער,
שיקסעס זענען פול באַגעהר.

„גרעטכענס, מאַדמ'אַזעלס, פאַניענקעס,
סעניאָריטעס — בלאָנד און שוואַרץ;
אויך די טעכטער פון די יענקיס
מאַכען ציטערן דאָס הארץ.

„גיי איך צו די גוים קלייבען
ז'יך אַ שיקסעל אַ ראָמאַן;
וועל ביי איהר שוין אפשר בלייבען,
ווערען מיט דער צייט איהר מאַן".

אסתּר הערט מיין דעקלאַראַציע
און זי שרייט פערצווייפעלט אויס:
„געהסט פערראַטען אונזער נאַציע!
דער פערברעך איז שרעקליך גרויס!"

און זי בעט בּיי מיר מיט טרעהרען:
„גיי צו פרעמדע נישט — אַ זינד!
בּלייבּ בּיי אונז אין גלות שווערען
און האָבּ ליבּ אַ יִדיש קינד!"

מילא, זאָג איך, איך וועל בּלייבען,
טון מיין נאַציאָנאַלע פליכט
און דיך פּאַר מיין ליבסטע קלייבּען" —
און איך קוש איהר שיין געזיכט...

הויבּט זי אויף די שיינע ברעמען
און זי טוליעט זיך צו מיר —
איידער כ'זאָל אַ שיקסע נעהמען,
זאָל איך בּעסער זיין בּיי איהר...

מײַן פּאַרלאַמענט

יאָ קינד, איך בין פאַר פרויען־רעכט,
מעגסט אָפען דאָס דערצײַלען;
איך גיב דיר וואַהל־רעכט, טײַער קינד,
אויב דו וועסט מיך דערוויילען.

איך וויל אויך, דו זאָלסט האָבען רעכט
אין פּאַרלאַמענט צו זיצען;
כ׳וועל די פּראָיעקטען דײַנע, קינד,
מיט קושען אונטערשטיצען.

איך ווייס, דו וועסט די בעסטע זײַן
פון אַלע דעפּוטאַטען;
איך וויל דיך פאַר מײַן ליבסטע אויס,
נישט פרעגענדיג דײַן טאַטען.

איך װײל דיך אױס... און קוש מיט פרײד
דײן קרױזען־קאָפּ דעם שװאַרצען;
דו ביסט דערװײלט אין פּאַרלאַמענט,
װאָס כ'טראָג בײ מיר אין האַרצען.

דאָס איז אַ פּאַרלאַמענט, מײן קינד,
װאָס יעדער מאַן מוז ליבען.
אַ פּאַרלאַמענט פון פרױען בלױז,
װאָס איך האָב אױסגעקליבען.

אױף שװאַרץ און בלאָנד צוטײלען זיך
די פרױען־דעפּוטאַטען;
און טאָג און נאַכט מען הערט נאָר דאָרט
מחלוקת און דעבאַטען.

זײ מאַכען גרעסער יעדעס מאָל
די חובות, די בודזשעטען;
און װי מיר דאַכט, װעל איך זיך שױן
פון אַ באַנקראָט נישט רעטען.

דאָס פודער, שמינקע, פאַרב און זאַלב,
דאָ נײע זאָקען־בענדלעך;
גאָרסעטען, שיכלעך — אַ בודזשעט
װאָס ציהט זיך לאַנג, אומענדליך.

פיל גרעסער מיין הוצאה איז
פאַר זיי אויף שאָקאָלאַדע
פון מאָנטאָנעגראָ׳ס יאָהר־בודזשעט,
פון לוקסענבורג׳ס אוודאי.

ער עסט מיך אויף, מיין פאַרלאַמענט
און לאָזט נישט קיין שְרַיִים;
און ס׳העלפט נישט וואָס אַ יעדעס יאָהר
איך קלייב זיך אויס אַ נייעם.

די דעפוטאַטען בינדען מיך
מיט זייערע געזעצען;
איך מוז זיך שטעלען אויף די קני,
גראָד דאַן ווען כ׳וויל זיך זעצען.

דאָ ריהר נישט אָן, דאָרט טשעפּע נישט,
אָט טו איך גלאַט נישט ריכטיג;
און איינע אויף דער אַנדערער
איז שטענדיג אייפערזיכטיג.

ס׳איז בעסער זיין שוין אַ דעספּאָט
און אַבסאָלוט רעגירען;
נו, לאָזט מיך נישט מיין פאַרלאַמענט
די הענד פונאַנדערפיהרען.

איך בין מאָנאַרך — דאָך בין איך, קינד,
אָהן מאַכט און אונטערטעניג;
איך האָב אַ דעה, טייער קינד,
ווי גרויס-בריטאַניען'ס קיניג...

זי האָט געזאָגט...

זי האָט געזאָגט: איך האָב דיך ליב!
כ'בין פריש און ריין און יונג און שיין;
איך האָב דיך ליב! איך האָב דיך ליב
און וויל געהערען דיר אַליין!

זי האָט געזאָגט: כ'בין רייך אין גאָלד
און מעהרער נאָך — אין ליבע רייך;
איך וועל דיר געבען גליק און פרייד,
וועסט זיין ביי מיר אַ קיניג גלייך.

זי האָט געזאָגט: איך האָב אַ הויז,
אַ גאָרטען רינגעלט עס אַרום;
אַ רויטער אַלקער איז אין הויז —
מיין הייסער שאָטען שוועבט דאָרט אום.

זי האָט געזאָגט: דאָס ליבעס-גליק
וועט אייביג רוהען אויף דיין שוועל;
און דינער, דינסטען שטענדיג גרייט —
זיי ווארטען שוין אויף דיין באַפעהל.

זי האָט געזאָגט: עס וועט דיין האַרץ
נישט קיינמאָל וויסען פון קיין צער;
איך וועל ביי דיר אַ שקלאַווין זיין
און דו אַליין וועסט זיין מיין האַר...

זי האָט געזאָגט: מיין לייב, מיין זעל,
מיין גאָלד, מיין גליק געהערען דיר —
באַלד ווי דו וועסט מיר זאָגען „יאָ"
און עפענען דיין האַרץ פאַר מיר...

זי האָט געזאָגט, דאָס שיינע קינד...
זי האָט גערעדט... איך האָב געהערט...
און איך האָב טרויעריג, פערקלעמט
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דר'ערד...

זי האָט גערעדט... איך האָב געוויינט,
כאָטש ס'גליק איז נאָהנט געוועזן אַ שפּאַן —
אָ, נישט צו מיר האָט זי גערעדט,
נאָר צו אַנ'אַנדער יונגעמאַן...

פלאַנעטען

אין אַ נאַכט אַ ווייסער,
אינם קליינעם שטעדטעל,
זיצען צוויי פערליבטע —
איך און עטעל.

הייבט זי אויף די אויגען
צו די שטערען אויבען,
און זי פרעגט פערחלום׳ט:
„זאָל איך גלויבען?

„גלויבען... אַז דאָרט, אויבען,
אויף די ווייטע שטערען,
וואוינען מענטשען... קענסטו
מיר דערקלערען?

דריק איך זי צום האַרצען
און איך ענטפער: „זיכער!
אַזוי שטייט געשריבען
אין די ביכער".

און איך זאָג איהר: „מעגליך
ערגעץ אויף אַ שטערען,
זיצען צוויי, ווי מיר דאָ,
און זיי קלערען.

„און זי קוקט צום הימעל,
וואָס איז פול צויבער,
וואו אויך אונזער וועלטעל
פינקעלט זויבער...

קוקט זי, קוקט פערחלום'ט
צו די שטערען אויבען
און זי פרעגט איהם פלוצים:
„זאָל איך גלויבען? —

„גלויבען, אַז דאָרט, אויבען,
אויף די ווייטע שטערען,
וואוינען מענטשען... קענסטו
מיר דערקלערען?"

דריקט ער זי צום האַרצען
און ער ענטפערט: „זיכער!
אזוי שטייט געשריבען
אין די ביכער".

און ער זאָגט איהר: „מעגליך
ערגעץ אויף אַ שטערען,
זיצען צוויי, ווי מיר דאָ,
און זיי קלערען.

„נאָר דאָס מיידעל יענע
קוקט נישט צו פּלאַנעטען,
קלערט בלויז פון איהר בחור,
דעם ברונעטען.

„טרעפט איהר בליק דעם בחור,
ווי אַ פייל פון בויגען;
קושט ער איהרע ליבע,
שטילע אויגען.

„און אין זיי'רע הערצער
פלאַמען, גליהען וועלטען;
אָט אַזאַ קלוג מיידעל,
טרעפט מען זעלטען..."

ראָמאַנען

טאָג און נאַכט נאָר זיצט דאָס מיידעל
אַ פערטיפטע אין ראָמאַנען;
אוי, אַזעלכע שיינע מעשיות
זענען דאָך אין זיי פאַראַנען

טאָג און נאַכט דאָרט זיצט אַ בחור,
אַ פערליבטער, בלאַס און איידעל,
ווי אַנ׳עדות אויף די מעשיות —
און ער טרעט נישט אָפּ פון מיידעל.

וואָס וועט ווערען? פרעגט ער טרויעריג —
און זי ענטפערט איהם געלאַסען:
„ווייסט, לעאָפּאָלד און ראָזאַליאַ
האַלטען זיך שוין ביים פערקנס׳ן!"

„כ'מיין נישט דאָס... זאָגט שטיל דער בחור —
און זי קוקט, די אויגען אָפען:
„אָ, לעאָפּאָלד און ראָזאַליאַ
זענען פון דער היים אַנטלאָפען!"

„אוי, וואָס רעדסטו?" — שרייט דער בחור,
ס'ווערט זיין האַרץ מיט בלוט פערגאָסען;
„הימעל, — שפּרינגט זי אויף, — לעאָפּאָלד
האָט זיך דאָך אויף טויט דערשאָסען".

„אַזאַ העלד!" זיפצט שווער דאָס מיידעל,
ווישט די אויגען מיט'ן טיכעל;
און דער בחור איז מקנא
יענעם העלד פון מעשה־ביכעל...

די ציגיינערין

1

ס'איז געווען אַ פריהלינגס־אָווענד,
ס'האָט געציטערט אין דער לופטען:
יוגענד־ליבע, ליפען־מורמעל,
אויסגעמישט מיט רויזען־דופטען.

שטערען־ליכט און מיידעל־אויגען
האָבען שטראַהלענדיג געוואונקען.
איז מיין גאַנץ געמיט געוואָרען
ווי פון אַלטען ויין בעטרונקען.

2

פריהלינגס־אָווענד. פון דיין שיינקייט
ווערט דער מענטש צו גאָט דערהויבען;
אין די אָווענדטען פון פריהלינג
מוז מען אויך אין כשוף גלויבען.

בין איך צום ציגיינער־מיידעל
ווייט פון שטאָדט אַוועקגעגאַנגען;
זי איז ביים געצעלט געזעסען
און געהערט דעם וואַלד׳ס געזאַנגען.

נאָך פון ווייטען האָט דאָס ווינדטעל
מיין פערלאַנג צו איהר דערטראָגען:
„שוואַרצע שיינהייט, וואַנדער־מיידעל,
כ׳וויל דו זאָלסט מיין צוקונפט זאָגען!”

ליב האָט זי געטון אַ שמייכעל:
„קום! פאַר מיר איז אַלדינג אָפען!”
דאַן האָט זי מיין האַנד גענומען
און די צוקונפט מיר געטראָפען:

„וועסט אַנ׳אוצר באַלד פערמאָגען:
איינע פון די שענסטע טעכטער,
וואָס איהר ברוסט איז פול מיט תאוה
און מיט פרישען קוואַל־געלעכטער.

„פעכיק־שוואַרצע קרויזע־לאָקען
וועט די שיינקייט דיין בעזיצען;
און די טיפע אויגען איהרע
וועלען פייער־פונקען שפריצען.

„איהרע ליפּען װעלען װעבען
װאונדערליכע מעלאָדיען,
װעט אין זינגען—ליבעס־דורשטיג —
זיך צו דיינע ליפּען ציהען".

3.

— װאונדערבאַר!—האָב איך געענטפערט—
האָסט מיר ריכטיג צוגעטראָפען;
װאַרטענדיג אויף אַזאַ שיינהייט
איז מיין יוגענד באַלד פערלאָפען.

האָסט זי ריכטיג אויסגעמאָלען,
איהר געשטאַלט און איהר געלעכטער;
דאָס ביסטו אַליין די שיינהייט,
שענסטע פון ציגיינער־טעכטער!

זיי־זשע מיינע, שװאַרצער פלאַקער,
עפען דיינע אָרעמס, עפען!
און זי פאָלגט מיך... און זי מורמעלט:
„זעהסט, װי ריכטיג איך קאָן טרעפען!"...

דער טויב-שטומער

אין גאַס איז קאַלט
און רעגענדיק,
דאָס האַרץ איז פול מיט טרויער;
וואו גייט מען, וואו?
איך שטעל זיך אָפּ
פעראומערט ביי אַ מויער.

עס שמייכלען העל
אין גאַס אריין
די פענסטער — שיינען, גלאַנצען;
אַ פּיאַנאָ שפּילט
און כ'זעה אין ליכט
ווי שלאַנקע מיידלעך טאַנצען.

עס גיט געהיים
אין הארץ אַ ציה,
דאָס הארץ האָט וואָס בעשלאָסען:
אַ קלאַפּ אין טיר,
„אריין!", בין דאָ —
און ווער מיט ליכט בעגאָסען.

ס'ווערט פּלוצים שטיל,
ווי ס'וואָלט אריין
אין הויז די מרה־שחורה;
איין מיידעל פרעגט:
„וואָס ווילט איהר דאָ?" —
און טרעט צוריק מיט מורא...

איך שמייכעל ליב,
זיי לעבען־אויף:
„געמיינט איהר זענט אַ רויבער!"
איך לייג די האַנד
צום אויער צו
און ווייז: איך בין אַ טויבער...

די מיידלעך שטיל
בעטראַכטען מיך
מיט מיטלייד און מיט קומער;
איך לייג די האַנד
דאַן אויפן מויל
און ווייז: איך בין אַ שטומער...

זיי ווערען בלאַס
פון מיטלייד אַזש,
רחמנות־טרעהרען גלאַנצען;
און איינע זיפצט:
„אַ שיינער יונג —
נאָר שטום און טויב אינגאַנצען!"

אַ צווייטע זאָגט:
„אַ שאָד! אַ שאָד!
ס'איז פשוט נישט צו לעבען:
איז דאָ אַ מאַן —
האָט גאָט איהם גאָר
קיין לשון נישט געגעבען"...

אַ דריטע זיפצט:
„אוי, ווען ער וואָלט
גאָר קענען רעדן, הערן —
איך וואָלט געזעהן
דער שיינער יונג
זאָל מיין געליבטער ווערן".

אַ פערטע זאָגט:
„ווען ר'האָט אַ צונג
און הערענדיגע אויער'ן —
איך וואָלט איהם נאָך
אַט היינט ביינאַכט
מיין ליבע צוגעשוואוירען".

אַ פינפטע לאַכט
און קוקט אויף מיר
מיט גליהענדיגע אויגען;
און זאָגט אַ וואָרט,
וואָס האָט מיט רויט
מיין פנים אויש פערצויגען...

און איינע מאַכט:
„כאָטש כ'האָב אַ מאַן
און ר'איז אַ וואויל־געטרייער —
דאָך ברענט אין מיר
צו אַזאַ יונג
אַ ווילד, אַ העליש פייער".

עס בעטען דאַן
די מיידלעך שטיל:
„אָ, גאָט בעוויז אַ וואונדער
און עפען־אויף
דאָס שיינע מויל
פון ליבען יונג אַצונדער!"

און וואונדערבאַר! —
איך עפען־אויף
דאָס מויל, און טו זיי זאָגען:
עס האָט צו גאָט
איצט אייער צער
און תפלה זיך דערטראָגען —

און ס'איז דער וואונטש
פון גאָט, אַז איך
זאָל קענען רעדן, הערן,
אום כ'זאָל מיט פרייד
דערפילן אייך
די פלאַמענדע באַגעהרען!

זיי שפרינגען-אויף
דערשראָקענע,
פערשעהמטע און פערלאָרען:
„דו שווינדלער, שנעל
אַרויס פון הויז!" —
זיי פילדערן מיט צאָרן.

....

איך בין צוריק
אין קאַלטער גאַס,
פערטריבען פון גן-עדן:
דאָס שווייגען ברענגט
קיין נוצען נישט,
נאָר ערגער איז דאָס ריידען...

ניי־יאָהר

אַ כּוֹס אין דער האַנד און אַ ליד אינם האַרץ
און רוהּ אויפן קראַנקען געוויסען, —
בעהעפּט דיינע ליפּען צו מיינע, מיין קינד,
און לאָמיר דאָס ניי־יאָהר בעגריסען!

די יאָהרען, זיי זענען ווי פרעגען, מיין קינד,
און גלייך זענען זייערע וועגען —
נאָך איידער איין ברוגז'דיג יאָהר גייט אַוועק,
שוין שמייכעלט אַנ'אַנדערס אַנטקעגען...

די יאָהרען — ווי פרויען — זיי נעהמען מיט זיך:
די יוגענד, די פרייד און די גליקען;
און לאָזען דיר איבער אַ חרוב'דיג האַרץ
און אומעטיג, נאַרישע בּליקען.

אַ יאָהר גייט אַוועק און אַ פרוי גייט אַוועק
אַזוי ווי אַ רויך, ווי אַ חלום;
דו זינגסט כלומר'שט נאָך שיר־השירים־געזאַנג
און ווייסט, אַז ס'איז הבל־הבלים...

אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר און אַ פרוי נאָך אַ פרוי —
דאָס אַלטע מאַכט פלאַץ פאַר דעם נייעם;
טאָ לאָז־זשע דאָס אַלטע אין אייביגער רוה
און טרינק פאַר דעם גאַסט אַ „לחיים"!

פערשטיק יעדען ווייַ פון פערגאַנגענעם יאָהר —
מיט פרייד זאָל דאָס האַרץ זיך בעוועגען!
און פריילִיך און מונטער, מיט פרישען געמיט,
קום, קינד מיינס, דעם ניי־יאָהר אַנטקעגען!

די גליקען און פריידען וואָס זענען אַוועק —
מיט זיי איז שוין גאָרנישט צו מאַכען! —
אַ ליפּ צו אַ ליפּ און אַ פלאַמיגען קוש
און נאָכדעם — אַ הילכיגעס לאַכען!...

ציין און ליבע

די שיינע קלאַרא האָט נישט לאַנג
געענדיגט פאַר דענטיסטין ;
איהר שיינקייט ציהט — זי ווערט געליבט
פון ידען און פון קריסטען.

אויך פייוועל איז פערליבט אין איהר,
אַזוי ווי יעדער איינער ;
נאָר אויף להכעיס האָט ער גאָר
געזונדטע, פעסטע ציינער.

ער ווייס נישט וואָס אַ צאָהן-שמערץ איז,
ער טראָגט זיין ווי דעם שווערען,
אין הארצען טיף — און קומט צו איהר
אין ליבע זיך דערקלערען.

ער קומט אריין, זי פרעגט: „א צאָהן?"
צעמישט, דערשראָקען שווייגט ער;
ער פלאָנטערט עפּעס מיט דער צונג
און אויף א באקצאָהן צייגט ער.

זי רייסט א באקצאָהן איהם ארויס —
אָ, שרעקליכע יסורים!
דאָך ווערט זיין טיפער שמערץ פערוויגט
פון ווילדען ליבעס־שטורעם.

א וואָך פערגייט. פון בענקעניש
איז פייוועל שיער געשטאָרבען;
נו, ברענגט ער איצט דעם ליבעס־גאָט
אַן׳אַנדער צאָהן — א קרבן.

און קלארא ווידער רייסט א צאָהן
און האָט גאָר קיין רחמנות;
דאָך פייוועל ווייס, אַז דער וואָס ליבט,
מוז ברענגען פיל קרבנות.

זינט דעמאָלט האָט ער יעדע וואָך
געבראכט א קרבן געטרן;
די פרישע לעכער אין זיין מויל
אלץ מעהרען זיך און מעהרען.

ביז איינמאָל, פּיוועל גיט אַ קוק
אין שפּיגעל, און ס׳ווערט קלאָר איהם:
ביי קלאַרא׳ן זענען זיינע ציין,
ביי איהם אין מויל — בלויז קברים.

און אָט איז שוין דער לעצטער טאָג
פון לעצטען צאָהן געקומען;
ער ברענגט איהם צו זיין קלאַרא׳ן און —
ער ווערט אַרויסגענומען.

קיין צאָהן אין מויל, דאָך אַרט איהם נישט,
ער דאַרף דען וועמען בייסען?
נאָר ווי וועט ער צו קלאַרא׳ן גיין —
וואָס וועט זי איצטער רייסען?

ער זוכט אַנ׳עצה, זוכט אַ פּלאַן
און קנייטשט פערטראַכט דעם שטערען,
ביז ענדלעך מאַכט ער אָפּ ביי זיך:
כ׳וועל אָפּען איהר דערקלערען —

אַז כ׳ליב זי מיט מיין גאַנצען הארץ,
און זאָל זי טאַקע וויסען:
געהאַט האָב איך געזונדטע ציין
און זי האָט זיי געריסען!

ער שטייט פאַר קלאַראַ'ן אויף די קני,
זיין שמערץ איז אונגעהויער;
דאָך—זי, זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ
און ענטפערט איהם מיט טרויער:

„איך האָב אַ מאָל דיך אויך געליבט,
דו ביסט געווען אַ שיינער;
דאָך איצט?... ווי קאָן איך ליבען דיך,
אַ יונגענמאַז אָהז ציינער?!"...

קאַרל מאַרקס

מירעל איז אַ האַרציג מיידעל,
פון די שענסטע טיפען:
אויגען שוואַרצע, באַקען בלאַסע
און צוויי ראָזע ליפען.

און עס ווערט די שיינע מירעל
יעדען טאָג אַליץ בלאַסער,
ווייל פערליבט איז זי אין מאַרקס׳ן,
„קאַפּיטאַל״ס פערפאַסער...

רעדט זי אָבער וועגען מאַרקס׳ן,
קריגט זי רויטע פאַרבען;
פאַר די אונטערדריקטע מאַסען
איז זי גרייט צו שטאַרבען.

אוּן ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מאַרקסיסטין,
טראָגט די שיינע מירעל:
אויפן העלזעל מאַרקס' אַ בילדעל
אויף אַ זיידען שנירעל.

באַמבעלט זיך דער אַלטער חכם
אויף איהר האַלז דעם קלאָרען — —
און ער וועקט אין איהר חלומות
וועגען צוקונפטס-יאָהרען...

קוק איך אויף איהר שיינעם העלזעל,
ווערט מיין הארץ צעגאַנגען:
אוי, ווען איך בין מאַרקס — דאַן וואָלט איך
אויף איהר האַלז געהאַנגען!

זאָג איך צו דער שיינער מירעל:
כ'ליב דיין טרוים דעם וויטען!
און פון איצט אָן וועל איך העלדיש
פאַר די מאַסען שטרייטען.

און פון מיין מאַרקסיזם גיב איך
מירלען גלייך סימנים:
כ'טוליע צו די הייסע ליפען
פעסט צו מאַרקס'עס פנים...

נאָכן ערשטען קוש — אַ צווייטער,
נאָכן צווייטען — הונדערט;
ברענען מירעלס שוואַרצע אויגען
און זי זאָגט פערוואונדערט:

ווי געשווינד דו ביסט געוואָרען
קאַרל מאַרקס פערעהרער!
הער איך איהרע זיסע ווערטער
און איך קוש נאָך מעהרער.

ציטערט זי אין שטילען פיבער,
שעפּטשעט קוים, אַ בלאַסע:
„אָ, דו האַלסט פון קאַרל מאַרקס׳ן
און די ליבסט די מאַסע!

קוש איך אויס איהר רויטע צייכענס
אויפן האַלז דעם קלאָרען:
רויטע בלימלעך, רויטע טרוימען
פאַר די צוקונפטס־יאָהרען...

קוש איך טעגליך קאַרל מאַרקס׳ן
אויף איהר האַלז, אָהן מורא;
און זי האַלט מיך פאַר אַ חסיד
פון איהר רבי׳ס תורה...

מיין ערשטער מאי

גיי איך אין די גאַסען
אין דעם ערשטען מאַי,
פלאַטערט מיין נשמה
ווי אַ פויגעל, פריי.
זעה איך: מיידלעך, מיידלעך,
מיידלעך — רייה נאָך רייה;
טעכטער פון דער אַרבייט,
שטאָלץ מאַרשירען זיי.

ציהט מיך די פּראָצעסיע
פון די מיידלעך צו
און די מיידעל=אויגען
גיבען מיר קיין רוה.
קוק איך צו די מיידלעך,
מורמלען זיי: „מאַרשיר!"
גיי איך, און די מיידלעך
גייען=נאָך נאָך מיר.

גייען מיר און גייען,
זינגט מיין גאַנץ געמיט:
„כ'האָב קיין רויטע פאָהן נישט
און קיין פרייהייטס=ליד.
נאָר די ליפּען מיינע
זענען רויט=צוגליהט
און מיין בלוט זינגט פרייער
פון א פרייהייטס=ליד".

גייען מיר און גייען
גאַסען־אויס און איין;
פיהר איך די פּראָצעסיע
אין אַ פּאַרק אַריין.
קוקען זיי פערוואונדערט,
גיב איך צו פערשטיין:
„ס'האָט אַזוי געהייסען
קאַרל מאַרקס אַליין".

פרעגען מיך די מיידלעך
וועגען קאַפּיטאַל —
ענטפער איך זיי: ענגעלס,
קאַרל מאַרקס, לאַסאַל —
אָט די אַלע האָבען
אַלע זייערע יאָהר
נישט פערמאָגט קיין פּרוטה,
נאָר געדינט אַמאָר...

נעהמען אויגעז גליהען,
ווערעז פלאַמיג, גרויס ;
קלויב איך מיר די שענסטע
פון די מיידלעך אויס.
לאָזען מיר זיך ביידע
צווישען בוימער טיף
און פון קלאַסען־קאַמף גיב
איך איהר אַ בעגריף.

קושען קאָמוניסטיש
איינס דאָס אַנד'רע מיר ;
זיי נישט עקאָנאָמיש ! —
בעט איך זיך ביי איהר.
ס'מעג אין ליבע גילטען
„איבער־פּראָדוקציאָן" ;
זעה, דאָס הארץ מיינס פלאַטערט
ווי אַ רויטע פאָהן.

קלינגען מיינע ליפּען
אויס די „מאַרסעליעז"
אויף איהר ווייסען באַקען. —
רופט זי מיך „זשאָרעס"...
אָהן אַ רעוואָלוציע
פיהלען מיר זיך פריי ;
און מיר זענען גליקליך
אין דעם ערשטען מאַי.

אינטערנאַציאָנאַל

יאָזעפּקע און סטעפּקע און יאַנקע און מאַנקע,
איך טראָג אַלע נעמען פערהוילען —
דערמאָהן איך די פּוילישע מעכטער די שלאַנקע,
פערברענט מיך אַ ליבע צו פּוילען.

און קומט אויפן זינען: קאַטיושאַ, מאַריאַשע,
דאַן ווילט זיך קיין רוסלאַנד מיר פליהען;
אַ צאַר צי אַנאַרכיע — איך פרעג נישט קיין קשיא,
ווען ס'הייבט־אָן מיין ליבע צו גליהען.

און טראַכט איך פון דזשעניס, פון איימיס און קיידיס,
בענייט ווערט מיין ליבע און האָפען;
עס רופען אַרויס די „אַמעריקאַן ליידיס"
אַ חשק אַ שטאַרקען צו בלאָפען.

נאָר, וואָס מיר דאָס לאַנד און די שפּראַך פון די טעכטער,
צי רוסיש, צי טערקיש, צי ייִדיש ?
איך ליב אַלץ, וואָס יונג איז, וואו ס׳הערט זיך געלעכטער-
און דאָס איז דאָך גאָר נישט קיין חידוש...

עס איז נאָך מיין ליבע דערווייל נישט פּערלאָשען,
וואָס אַרט עס מיך די אָדער יענע ?
איך קוש עספּעראַנטיש—ס׳פּערשטייען דאָס לשון
פּאַטיושאַ און מאַנקע און פענע.

כל־נדרי נאַכט

איך ליב זי, די כל־נדרי נאַכט,
די האַרציגע, די שטילע,
ווען ס׳פליהט צום הימעל ווײנענדיג
אַ תפלה נאָך אַ תפלה.

כל־נדרי זאָגען אין דער שוהל
די מאַמע און דער טאַטע;
די פנים׳ער פערטרויערטע,
די אויגען קוקען מאַטע.

עס בלײבען אין די הײזער בלויז
אַלײן די ליבע טעכטער;
מיט טיר און לאָדען צוגעשפאַרט
פערבלײבען זיי ווי וועכטער.

זיי היטען דאָס פערמעגען אָפּ
און ציטערען פון מורא,
דען פול איז די כל־נדרי־נאַכט
מיט שווערער מרה־שחורה.

זיי היטען... און דאָך קענען זיי
די הערצער נישט פערהיטען:
איך דאַווען נישט — איך גיי אַרום
צו מיידלעך אויף וויזיטען.

דערפרייען זיך די טעכטערלעך:
„אַ מאַן וועט אונז בעשיצען!
איצט וועלען מיר נישט דאַרפען מעהר
אַליין אין הויז צו זיצען!"

דערצייל איך זיי פיל מעשה'לעך,
וואָס זענען זיך פערלאָפען,
וואָס האָבען אין כל־נדרי נעכט
ביי ידען זיך געטראָפען.

איך מאָל פאַר זיי גזלנים אויס,
וואָס קליידען זיך אין שוואַרצען;
און ס'טוליען זיך די מיידלעך צו
מיט מורא צו מיין האַרצען.

זיי קוקען זיך מיט שרעק ארום
און צאַפּלען ווי אין פיבער:
„אוי גוט וואָס דו ביסט דאָ ביי אונז,
דו טייערער, דו ליבער!"

דאָ גיב איך כּלומר'שט זיך אַ כאַפּ,
גלייך איך וואָלט וואָס פערגעסען:
„אַ גוטע נאַכט, צום ווידערזעהן!
איך האָב זיך דאָ פערזעסען!"

די מיילעך צאַפּלען־אויף מיט שרעק
און לאַסטשען מיך און גלעטען:
„אוי לאָז אונז נישט אליין אצינד!" —
פערלאַנגען זיי און בעטען.

זיי כאַפּען־צו מיין קאַפּעלוש,
דעם מאַנטעל מיטן שטעקען;
„נו גוט, איך בלייב!—צולאַך איך זיך —
איהר דאַרפט זיך מעהר נישט שרעקען!"

איך היט זיי פון גזלנים אָפּ,
זיי טוליען זיך און בריהען:
דאַן בעט איך גאָט, כּל־נדרי זאָל
זיך אייביג, אייביג ציהען!...

על חטא...

ווי קאָן איך, גאָט, בעפרייען זיך
פון מיינע זינד?
דאָס וואָלט געמיינט: צו זינדיגען
נאָך מעהר אצינד — —
די אויגען מיינע גלוסטיגע
אויסברענען, בלינד!
און דאָס איז דאָך אַ מערדעריי,
אַ גרויסע זינד...

בעפרייען זיך פון זינד, מיין גאָט?
ווער וואָלט געקענט
ארויסרייסען אליין פון ברוסט
דאָס האַרץ, וואָס ברענט?
ארויסלאָזען דאָס הייסט בלוט,
וואָס מאָהנט און רינט?
און דאָס איז דאָך אַ מערדעריי,
אַ שווערע זינד...

זיך לייטערען פון זינד, מיין גאָט,
און ווערען ריין?
דאָס וואָלט געמיינט: פערמיאוסען
דיין ווערק אליין;
אַ מענטש, געמאַכט אין דיין געשטאַלט,
אָהן האַרץ און בלינד — — —
און דאָס איז דאָך אַ מערדעריי,
אַ גרויסע זינד...

אויסלייזען זיך פון מיינע זינד
נישט מעגליך איז —
אז ס'איז מיין זינד אין טויזענד שטעדט
צושפרייט געוויס;
און ווער געדענקט די אלע שטעדט
און בערג אצינד?
און פטר'ן די צייט איז דאך
א שווערע זינד...

זיך רייניגען פון זינד? בעגיין
דעם גרעסטען חטא?
דערהרג'ענען מאטילדא'ן, ראז,
ראכיל, זשאנעט?
א מערדער זיין און וואשען זיך
אין בלוט אצינד? —
דאס איז דאך קעגען דיין געבאט,
די גרעסטע זינד.

בעפרייען זיך פון מיינע זינד,
דאָס מיינט, מיין גאָט:
כ׳זאָל מאַכען דיינע שיינקייטען
צו שאַנד און שפּאָט;
צו דיינע גרויסע מייסטערווערק
זיין טויב און בלינד — — —
און דאָס איז דאָר, מיין ליבער גאָט
די ערגסטע זינד...

ווי לאַנג די וועלט איז אַזוי שיין
דער הימעל בלאָה;
און ס׳זענען פרויען שוואַרץ, שאַטין
און בלאָנדע דאָ,
ווי לאַנג ס׳איז הייס און זינגענדיג
דאָס בלוט, וואָס רינט — — —
איז, גאָט, דאָס שענסטע לויב־געזאַנג
פאַר דיר די זינד

דערפאַר, ווייל איך בעוואונדער, גאָט,
אַזוי דיין וועלט
און איך פערגעטער דיינע ווערק,
דעם וואַלד, דאָס פעלד,
דעם מענש, וואָס איז אין דיין געשטאַלט,
די פרוי דאָס קינד — — —
דערפאַר בעשער מיר, גאָט, א יאָהר
פון — נייע זינד!...

ו ו א צ ע ק

(אַ פסח מעשה'לע)

דעם פּריצ'ס טאָכטער נאַסטיאַ, איז
אַ מיידעל שיין ווי גאָלד;
און וואַצעק'ן דעם דינער־יונג,
דעם שיינעם האָט זי האָלט.

עס קושען איהר די פּריצים־זיהן
די הענדטלעך ווייס ווי שניי;
נאָר נאַסטיאַ טראַכט פון וואַצעק'ן
און לויפט אוועק פון זיי.

ס'איז וואַצעק אַזוי שיין און שטאַרק
און פריילִיך, נאָר ער שפּאַסט:
און שלאַנק איז ער — אַ קיניג זיין
וואָלט וואַצעק'ן געפּאַסט.

פערטראַכט איז נאַסטיאַ טעג און נעכט,
זי חלומ'ט נאָכאַנאַנד ;
זי טרוימט : זי איז אַ קיניגין,
אַ מלכה פון אַ לאַנד.

און וואַצעק אין אַ קרוין פון גאָלד,
אַ סצעפּטער אין דער האַנד,
זיצט אויפן טראָהן און גיט אַרויס
בעפעהלען פאַרן לאַנד.

דערציילט האָט זי פאַר וואַצעק'ן :
„אַ מלכה וויל איך זיין !
געפינסטו מיר אַ קיניגרייך —
דאַן בין איך אייביג דיין !"

האָט וואַצעק זי אַרומגעכאַפּט
געדריקט צו זיך מיט פרייד :
„עס איז מיר גאָרנישט שווער פאַר דיר,
איך בין אויף אַלדינג גרייט !"

ער האָט צו איהר געזאָגט „אַדיע",
געשמייכעלט פול מיט גליק ;
און באַלד איז ער אין וועג אַוועק,
בעגלייטפון נאַסטיאַ'ס בליק.

עס וואַנדערט וואַצעק טאָג נאָך טאָג,
און וואַנדערט נאַכט נאָך נאַכט;
ער גייט און טרוימט פון קיניגרייך,
פון מלכות'דיגער פראַכט.

ער זעהט זיין נאַסציאָ'ן אומעטום
און ווערט פון גיין נישט מיד;
ער פייפט אַ ליד — און טאָג נאָך טאָג
און וואָך נאָך וואָך פערפליהט.

ער וואַנדערט איבער פעלד און וואַלד,
ער רוהט נישט נעכט און טעג;
און פרעגט ביי אַלע לייט, וואָס ער
בעגעגענט אויפן וועג:

„דערציילט מיר גוטע, ליבע לייט,
צי ווייסט איהר פון אַ לאַנד
וואָס זוכט אַ קיניג פאַרן טראָהן —
צי איז עס אייך בעקאַנט?

זיי הערען אויס און קוקען־אָן
דעם פראָסטען דינער־יונג:
זיי לאַכען זיך פונאַנדער הויך
און אייגער ווייזט די צונג...

נאָר איינמאָל אין אַ פריהלינגס־נאַכט
דערזעהן האָט ער ביים וואַלד:
אַ קליין, פערוואָרפען שטיבעלע,
בעלויכטען און בעשטראַהלט.

שטעלט וואַצעק ביי דעם פענסטער זיך
און קוקט אין הויז אַריין;
ער זעהט: אַ טיש מיט ליכט בעשטעלט
און גלעזלעך פול מיט וויין.

אַנ'אַלטער מאַן אין וויס געקליידט,
אַ גראָהע פרוי ביים זייט;
און קינדערלעך — זיי זינגען הויך,
עס קלינגט אין וואַלד אַפּ ווייט.

און פלוצים האָט פון שטיבעלע
אַ בלענד־געטון אַ שיין:
ס'האָט עמעץ אויפגעמאַכט די טיר...
און — וואַצעק איז אַריין...

ס'איז יעדער אין דער שטיבעלע
געבליבען שטיל דערשטוינט;
עס שטאַמעלט וואַצעק... און ער פרעגט
ווער אין דעם שטיבעל וואוינט.

דער אַלטער שמייכעלט און ער זאָגט:
„אַ מלך בין איך היינט;
נאָר זאָג מיר: וואָס איז דיין באַגעהר,
וואָס ווילסטו, ליבער פריינד?"

עס ציטערט וואַצעק אויף פון פרייד,
ערי ווערט פון גליק אַזש בלייך;
„איך וויל דאָך אויך אַ מלך זיין,
איך זוך אַ קיניגרייך!"...

דער אַלטער לייגט אויף איהם די האַנד:
„געשעהן קאָן דיין באַגעהר
אויב דו ווילסט ווערען נאָר אַ יִד —
איך גלויב דאָס איז נישט שווער!"...

....

צוויי טעג פערגייען. דאָס שטיבעל איז
פערפולט מיט גליק, מיט פרייד;
עס ווערט געפּראַוועט דאָרט אַ ברית,
ס'קרעכצט וואַצעק שטילערהייד...

ער ווייס: ער איז נישט מעהר קיין גוי,
דאָך טוט עס איהם נישט באַנג:
דערפאַר וועט ער אַ מלך זיין —
עס וועט נישט נעהמען לאַנג.

ווען וואָצעק האָט דערפּיהלט, אַז ער
איז שוין געזונד און פריש,
האָט ער פון בעט אַרויסגעטאַנצט
און באַלד אַוועק צום טיש.

געבליבען איז ער דאָרטען שטיין,
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט:
נישטאָ קיין ליכט, קיין ווײַן, קיין פרייד —
פאַרזומערט אַלץ און פראָסט.

נישטאָ די מלכות'דיגע פּראַכט:
די קינדערלעך אָהן שיך;
דער אַלטער — אָפּגעריסען, קראַנק,
די אַלטע שטייט בײַם קיך.

און וואָצעק פרעגט דערשטוינט, מיט שרעק:
"וואו איז דאָס קיניגרײַך?
איך דאַרף דאָך איצט אַ מלך זײַן,
וואָס איז געשעהן מיט אײַך?"

דער אַלטער שמייכעלט און ער זאָגט:
„צי ווייסטו נאָך נישט גאָר? —
ביז וואַנען דו ווערסט אַ מלך זײַן
דאַרף נעהמען נאָך אַ יאָהר,

א יאָהר ביז וואַנען פסח קומט —
נישט זאָרג, אַ יאָהר פערפליהט!
אין שיינעם יום־טוב פסח איז
אַ מלך יעדער ייִד!"...

ס'הערט וואַצעק אַ דערשלאָגענער
און ווישט זיך אויס אַ טרעהר:
„קיין נאַסציאַ נישט, קיין קיניגרייך,
קיין שייגעץ אויך נישט מעהר!"...

אינהאלט:

גאָט'ס וואונדער 9
די סעקרעטאַרין 13
אַ לופט-שיף 18
אַנטאָנעטא 22
געטליכקייט 26
לשון-קודש 30
דער פאַבעל-דיכטער . . . 33
זעלבסטמאָרד 39
פאָנדען 42
דעם ריטער'ס כלה 46
אָט-אַזוי-אָ 51
אויסגעוואָרט . . . 55
אסתר 58
מיין פּאַרלאַמענט 62
זי האָט געזאָגט 66
פלאַנעטען 68
ראָמאַנען 71
די ציגיינערין 73
דער טויב-שטומער 76
ניי-יאָהר 82
ציין און ליבע 84
קאַרל מאַרקס 88
מיין ערשטער מאַי 91
אינטערנאַציאָנאַל 96
כל נדרי-נאַכט 98
על חטא 101
טאַצעק 106

פערלאַג פנחס גראַובאַרד / וואַרשא

י. י. טרונק

מידע

אינהאַלט:

חורבות. — אין די בערג. —

אַ מעשה פון אַ ליבע.

פערלאַג פנחס גראַובאַרד / וואַרשא

יואל מאַסטבוים

מאַריטאַס גליק

(דריי דורות)

ראָמאַן אין דריי טייל בראָשירט און איין באַנד.

צווייטע רעווידירטע אויפלאַגע. — מיטן בילד פון מחבר.

פערלאג „פאלקלאר ביבליאטעק“, ווארשא

ארבייט און פרייהייט

זאמלונג פון לידער וואס זענען ענטשטאנען אין פאלק
אין דער צייט פון דער „פרייהייטס-בעוועגונג“
אין צארישען רוסלאנד.

ווערטער און מעלאדיעס געזאמעלט און דערקלערט פון ש. לעהמאן

אינהאלט:

1. לידער פון דער רוסיש-יאפאנישער מלחמה, רוסישער רעוואלו-
ציע און רוסישען צאר. / 2. לידער פון שטרייק. / 3. קאמף-לי-
דער. / 4. לידער פון אטענטאט- און קאמף-קרבנות. / 5. אגיטא-
ציע, חוזק און להכעיס-לידער. / 6. לידער פון ארעסט און תפיסה.
7. וויג-לידער, ליבע-לידער און לייד-לידער. / 8. לידער פון
ארבייטס-מאן און דעם ארבייטס-פאלק. / 9. אנמערקונגען און הוספות.

פערלאג / פנחס גראובארד / ווארשא

י. י. טרונק
דאריאן גריי

אפהאנדלונג וועגען קונסט אוןווירקליכקייט
מיט עטליכע ווערטער צום ענין „דאריאן גריי“
פון מ. וואנווילד.

אינהאלט: עסטעטישע פראבלעמען. — קונסט אדער
ווירקליכקייט. — באזיל האלווארד. — וואונדער. —
בגידה. — סיביל וואן. — פעראנטווארטליכקייט.

פערלאַג פנחס גראַובאַרד וואַרשא

ערשינען און צו בעקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען:

ביי אונז יודען

זאַמעלבוך פאַר פאָלקלאָר און פילאָלאָגיע

מיט נאָטען, בילדער און האָלצשניטען

רעדאַגירט פון מ. וואַנווילד.

❖

איִנהאַלט:

בעמערקונגען פון רעדאַקטאָר . . . . מ. וו.

I. דער יודישער פאָלקלאָר:

גענאַנגען פון תהום... (לידער פון גנבים אַרעסטאַנטען, גאַסען - פרויען)

געזאַמעלט פון פנחס גראַובאַרד

גנבים און גנבה (רעדענסאַרטען, צונעהמעניִשען, שפּריכווערטער, פראַגען, גראַמען, אַנעקדאָטען און מעשיות)

געזאַמעלט פון שמואל לעהמאַן.

פונם פאָלקס-מויל (רעקרוטען- און סאָלדאַטען-לידער, רעטעניִשען און אַנעקדאָטען)

געזאַמעלט פון הערשעלע.

די קינדער-וועלט (גראַמען, לידלעך, המצאות און שפּילען)

געזאַמעלט און איבערגעגעבען מיט די מעלאָדיעס

פון שמואל לעהמאַן.

II. מאַטעריאַלען צו דער יוד. פילאָלאָגיע:

די יודישע זשאַרגאָנען (גנבים, כלי-זמר און בעלי-עגלה-זשאַרגאָנען)

געזאַמעלט און בעאַרבייט פון א. י. טריוואַקס.

אידיאָטיזמען (מאַטעריאַלען צו דער פראַזעאָלאָגיע פון דער יודישער שפּראַך)

געזאַמעלט און בעאַרבייט פון יהודה עלזעט.

דער יודישער וואָרט-אוצר (ווערטערבוך לויט בעגריף-פאַמיליעס)

פון שמעון שפיגעל.

יודישע וואָרט-פאָרשונג (סעמאַזיאָלאָגישער און עטימאָלאָגישער עטיוד)

פון נח פּרילוצקי.